# לשון, סטיל, פאָרעם

יצחק לודען

## אַ ביסעלע באַשיידנקייט וואָלט ניט געשאַט*

געוואוינהייט, זאָגט מען, איז די צווייטע נאַטור. געוואוינהייטן שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין דעם באַנוץ פון דער שפּראַך – אויך ווען מען ווערט נישט געבוירן מיט איר, און ווען זי ווערט נישט איינגעזויגן צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך. באַזונדערס אין די היינטיקע צייטן, ווען ייִדיש איז לרוב שוין מער נישט דאָס מאַמע־לשון פון די ברייטע ייִדישע מאַסן און ווען לערער פון ייִדיש זענען געוואָרן אַ יקר־המציאות.

יונגע ליבהאָבער פון דער שפּראַך פאַרליבן זיך דעריבער אין זייערע לערער, וואָס פאַרטרעטן אין דעם פאַל (און אויף דעם שטח) די מאַמעס. תלמידים, סטודענטן, אפילו שוין היפּשלעך דערוואָקסענע, גייען געווײנלעך געטריי נאָך די שפּורן פון זייערע לערער. דער שאַרפער מאַנגל אין ייִדיש־לערער, באַזונדערס אין אייראָפּע, וווּ עס איז שוין קרוב 70 יאָר קיין ייִדיש שולוועזן נישטאָ – האָט דער קולטור־חורבן פון דריי דורות פּראָדוצירט אַ צאָל ״אינסטאַנט־לערערס״, וואָס אַליין קענען זיי נאָך נישט גענוג די שפּראַך, אָבער זיי לערנען שוין אַנדערע, זיי האָבן שוין תלמידים...

איך קען אַזעלכע לערער פון ייִדיש. עס האָט מיר איינער אַזאַ לערער – אַ פּראָפעסאָר – דערציילט, אַז ער אַליין לערנט זיך אויס יעדעס מאָל אַ פּרק פון אַ לערנבוך און גרייט זיך מיט אים צו יעדער לעקציע פאַר זיינע סטודענטן. אָט אַזוי, אין זכות פון די תלמידים, לערנט ער אויך זיך אויס דאָס לשון. ער האָט נאָר אַלע מאָל מורא, האָט דער לערער אָפנהאַרציק צוגעגעבן, אַז די תלמידים זאָלן אים חלילה נישט פרעגן קיין קשיות, אויף וועלכע ער ווייס נאָך נישט דעם ענטפער...

אין די היינטיקע באַדינגונגען קען דאָס אפשר זיין אַ סגולה, און אפילו צומאָל אַ ברכה. צומאָל ס׳איז קיין אַנדערע ברירה נישטאָ, ווען מע דאַרף, למשל, אויף גיך אויסשולן מענטשן, וואָס זאָלן קענען איבערלייענען און פאַרשטיין פאַרשיידענע טעקסטן פון שריפטן, בריוו און דאָקומענטן פאַר זייערע געשיכטלעכע אָדער אַנדערע פאָרשונגען. אַנדערש איז אָבער ווען אַזעלכע לערער און זייערע תלמידים, וואָס הייבן אָן גיין אויף שטאָלצן איידער זיי לערנען זיך אויס גיין אויף זייערע אייגענע פיס, באַטראַכטן זיך גלייך פאַר ״מומחים״ און הייבן אָן זאָגן מוסר דעם ״אַלטן דור״ שרייבער אָדער זשורנאַליסטן. נאָך מער, זיי לערנען זיי דרך ארץ האָבן

* דער אַרטיקל איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין דעם מאַי־יוני נומער פונעם ״לעבנס־פראַגן״ אין 2007.

פֿאַר די נישט־דערבאַקענע געבעקסן פֿון דער פּוריסטישער שפּראַך־בעקעריי. און נאָך איידער זיי לערנען זיך אויס ריכטיק שרייבן, ווערן זיי מיליטאַנטישע קעמפֿער פֿאַר דער אידעאָלאָגישער אָרטאָגראַפֿיאָמאַניע.

ווי געזאָגט, זענען תּלמידים לרובֿ זיך נוהג פֿאָרצוזעצן דעם גייסטיקן וועג און דעם וועלט־באַנעם פֿון זייערע לערער. דאָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. אַ גוטער לערער, אַ דערציִער, לערנט אָבער זיינע תּלמידים טראַכטן זעלבשטענדיק, אויסגעפֿינען נייע וועגן צו באַרייכערן זייער לערערס גייסטיקע ירושה. איך האָב, ווי אַ שילער אין דער ייִדיש־וועלטלעכער שולע אין די דרייסיקער יאָרן אין וואַרשע געהאַט אַ לערערין, אַ "ליטוואַטשקע", וואָס פֿלעגט אונדז וואָרענען נישט נאָכצומאַכן איר ליטווישן דיאַלעקט, ווי מיר, קינדער, פֿלעגן אָפֿטמאָל זיך נוהג זיין. נישט אַזוי איז היינט מיט די "אינסטאַנט־דערציִער" און שפּראַך־נאָרמירער.

דעם אמת געזאָגט, שרייב איך די דאָזיקע שורות מיט אַ שווער געמיט. איך האָב אַ סך רעספּעקט און ליבֿ פֿאַר מיינע ברי־פּלוגתא, וואָס מאַנכע פֿון זיי זענען מיר ליב און איך שאַץ הויך זייער טעטיקייט לטובֿת דעם ייִדישן לשון, זיין קיום און המשך. איך האָב אַ סך ליבֿ פֿאַר די יונגע איבערגעגעבענע אַקטיוויסטן און פֿאַר זייערע אויפֿטוען און אויך פֿאַר זייערע עלטערע מדריכים און וועגווייזער, וואָס האָבן איינגעפֿלאַנצט אין זיי די ליבשאַפֿט צום ייִדישן וואָרט, צום ייִדישן בוך. איך באַוואונדער די שיינקייט און אָפּגעהיטקייט פֿון די זשורנאַלן, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פֿון די עלטערע און האָבן, ווי די נייע רעדאַקטאָרן, אַריינגעהויכט אין זיי אַ פֿרישן, אַ יונגן גייסט.

וואָס עס שאָקירט מיך אָבער, איז די איינגעגלויבטקייט פֿון אייניקע פֿון זיי, די איינבילדונג ("Einbildung ist auch eine Bildung") אַז זיי האָבן אָנגעכאַפּט דעם לויתן ביים וויידל, און זיי קענען שוין די גאַנצע תּורה; זיי פּרעדיקן מוסר און פֿאַרלאַנגען, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז מען זאָל האָבן פֿאַר זיי דרך ארץ:

פֿון וועמען דרך ארץ? ווער האָט זיי דען באַליידיקט?

זעט אויס, אַז דאָס מיינען זיי "די אַלטע בטלנים", וואָס וואַרפֿן זיך נישט אונטער זייער "נאָרמאַטיוון" דיקטאַט.

איך ווייס נישט, צי אַלע יונגע מענטשן, נאָר ווייניקסטנס איינער פֿון זיי, וועלכער רעדט (און שרייבט) אין זייער נאָמען, ווי איינער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דעם, אגבֿ, פֿיין רעדאַגירטן (זאָל זיין רעדאַקטירטן, ווי זיי פֿאַרלאַנגען) און זייער עסטעטיש אַרויסגעגעבענעם זשורנאַל "יוגנטרוף", וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק. אין איינעם פֿון זיינע לעצטע נומערן (נומ' צט/99 פֿון אויגוסט 2004) שרייט אַראָפּ פֿון דעם ערשטן זייטל אַ פֿעטער קאָפּ מיט דער פֿאָדערונג: "דרך־אַרץ פֿאַר דעם היינטיקן לייענער!" אין דעם אַרטיקל אויף קרובֿ דריי זייטן רעכנט זיך אָפּ זיין מחבר, "ה. ג.", מיט די נישט געהאָרכיקע (אין דעם פֿאַל גראָד בעסער פֿון "נישט געהאָרכזאַמע") "נעכטיקע" שרייבער, וואָס זאָגן זיך אָפּ צו שפּייזן דעם דיבוק און אַרויסצוטרייבן טאָטאַל פֿונעם ייִדישן לשון אַלע אַזוי־גערופֿענע "דייטשמעריזמען". אין תּוך איז ריכטיק דער ציל זיך צו דערווייטערן וויפֿל ס'איז מעגלעך פֿון בפֿירושדיקע דייטשמעריזמען – די חילוקי־דעות זענען נאָר אַרום די גרענעצן פֿון זייער דעלעגיטימאַציע און

פון דעם איבערגעטריבענעם און אָבסעסיוון מכשפֿות־געיעג נאָך ווערטער, וואָס זייערע משגיחים האָבן באַשלאָסן זיי צו פּסלען.

אַ באַזונדערער קרבן פֿון אָט־דער אָבסעסיע איז דאָס וואָרט "זיכערהייט", וואָס איך, דער "נעכטיקער", באַנוץ אין מיינע שרייבעכצן, ווען עס רעדט זיך וועגן נאַציאָנאַלער זיכערהייט, און נישט וועגן "זיכערקייט", וואָס איז, לויט דער מיינונג פֿון "ה. ג." און פֿון זיינע לערער געגנוג פֿאַר דעם "היינטיקן לייענער", פֿאַר וועמען ער פֿאָדערט דרך ארץ. ווי אַן ענטפֿער אויף מיינעם אַ לאַנג פֿאַרלעגענעם פּערזענלעכן בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט און, נישט אָנרופֿנדיק מיך ביים נאָמען, נאָר ווי "אונדזערס אַ באַקאַנטער", פּאָלעמיזירט ער מיט מיינע מאָטיוון און מוסטערן פֿון פּויליש פֿאַר זיכערקייט און זיכערהייט pewność און bezpieczenstwo. דערציילט ער, אַז ענגליש פֿאַרמאָגט אַזש 9 סינאָנימען פֿאַר דעם באַגריף, אָבער יידיש, האַלט ער, דאַרף נישט האָבן מער ווי איינעם. ער וויל אָבער נישט אָננעמען, אַז דעם וועזנטלעכן אונטערשיד צווישן זיכערהייט און זיכערקייט פֿאַרשטייען נישט נאָר די ענגלענדער, אונטערשיידנדיק צווישן security און certainty און אַזוי אויך די רוסן, צווישן безопасность און уверенность, און אַזוי די פֿראַנצויזן, די רומענער און אַלע אַנדערע פֿעלקער, און אויך אין העברעאישן לשון: **בטחון** און **ודאות**. איך בין נישט זיכער (איך האָב טאַקע נישט, אין דעם פֿאַל, די זיכערקייט), צי עס איז פֿאַראַן (חוץ אין דייטשיש) כאָטש נאָך איין שפּראַך, אין וועלכער עס זאָל נישט האָבן געקומען צום אויסדרוק דער אונטערשייד צווישן די צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע באַגריפֿן. באַזייטיקן דווקא די "זיכערהייט" פֿונעם יידישן לעקסיקאָן ווי אַ "דייטשמעריזם", אָדער ווי אַן "איבעריק" וואָרט – גראָד ווען מיר לעבן אין אַזאַ נישט־זיכערער וועלט, און פֿאַרטרעטן עס מיט דער באַשרענקטער "זיכערקייט"... דאָס איז סיי אַ לאָגישער אומזין און סיי אַ סעמאַנטישע עוולה.

איך ברענג דאָס ווי אַ מוסטער פֿון אַ סך אַנדערע "אויסבעסערונגען", וואָס האָבן לחלוטין נישט באַרייכערט, נאָר גראָד פֿאַראָרעמט דאָס זאַפֿטיקע יידישע לשון און אַרויסגעצאַפּט פֿון איר די זאַפֿטן – און וואָס דווקא צוליב דעם פֿאָדערט דער מיטרעדאַקטאָר פֿון "יוגנטרוף" דרך ארץ פֿאַר דעם יונגן לייענער. אויב דער יונגער לייענער, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָכן חורבן, פֿאַרשטייט נישט, ווי עס שרייבט "ה. ג.", די ווערטער וואָס ער באַצייכנט ווי "דייטשמעריזמען", איז דאָס די שולד פֿון די "באַנייערס", וואָס האָבן זיי אַזוי געלערנט. דערפֿאַר וועט זיי, די יונגע לייענער, טאַקע שווער זיין צו לייענען די ביכער פֿון יידישע שרייבער.

דער יונגער־מאַן, וואָס פֿאַרלאַנגט אין נאָמען פֿון דעם "היינטיקן לייענער" דרך־ארץ – און איך האָב פֿאַר אים באמת דרך־ארץ פֿאַר זיינע אַנדערע אויפֿטוען – וואָלט געמעגט זיך לערנען אַ ביסעלע באַשיידנקייט און מער דרך־ארץ פֿאַר יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן מיט אַ ביסעלע מערער דערפֿאַרונג. ווייל, – ווי עס האָט שוין געזאָגט דאָס סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ, –

אַזאַ איז שוין די טבע פֿון דער היפּאָטעזע:
נאָך איידער די פֿיס וואַקסן איר אויס,
טראָגט זי שוין אַ פּראָטעזע.